# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

שנה ח • גליון 154 • חנוכה • שנת תשפ"ו

וּבְכֹחַ סְגֻלַּת נֵר חֲנֻכָּה תְּחַכְּמֵנוּ בְּאוֹר תּוֹרָתְךָ אָנוּ וְזַרְעֵנוּ:




כִּי אַתָּה תָּאִיר נֵרִי:

# 'שמירת עינים' א גאראנטיע פאר 'געבענטשטע דורות'

## די צוויי סגולות פון חנוכה ליכט זענען בעצם איינס

ביי דער באליבטער מצוה פון 'הדלקת נר חנוכה' געפינען מיר צוויי באקאנטע ענינים, וואס ווערט גאר אסאך דערמאנט אין אלע ספרים וועלכע רעדן איבער די קדושה און סגולת המצוה.

צוערשט, האבן מיר די הבטחה פון **חכמינו ז"ל** (שבת כג, ב): 'הרגיל בנר הויין ליה בנים תלמידי חכמים'. צינדן שבת און חנוכה ליכט איז מסוגל פאר קינדער תלמידי חכמים, ווי מיר דערמאנען דאס טאקע אין דעם התרגשות'דיגן יהי רצון וואס מ'זאגט אין די הייליגסטע מאמענטן, בעפאר הדלקת הנרות.

צווייטנס, ווייסן אלע וואס די **ספרים הק'** שרייבן (עבודת ישראל ועוד), אז דאס קוקן אויף די חנוכה ליכט איז משפיע א געוואלדיגע קדושה אויף די אויגן. די ליכטעלעך שיינען אריין און זענען א שטארקער תיקון פאר די פגמים פון שמירת עינים.

אז מ'איז זיך מתבונן, זענען די צוויי ענינים ממש נאנט פארבינדן, און איינע איז אייגנטליך תלוי אין דעם אנדערן, ווי **צדיקים** האבן שטענדיג גע'חזר'ט אז די גאנצע הצלחה פון גוטע קינדער, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, איז גאר שטארק געוואנדן אין דער קדושת העינים; לויט וויפיל די עלטערן היטן די אויגן, אזוי זענען די קינדער געראטן[א]. ווי מרן **הגה"ק מסאטמאר** זי"ע האט זיך אויסגעדריקט בלש"ק: "די עיקר הצלחה מיט די קינדער ווענדט זיך אין שמירת עינים. אויב איז מען נישט געווארנט אין דעם, קען עס שטארק שאטן פאר'ן רוחניות פון די קינדער!"[ב]

## שמירת עינים ברענגט קינדער וואס לייכטן אין תורה

מיר געפינען דאס שוין אין די ווערטער פון חז"ל, אין **תרגום ירושלמי** (בראשית מט, כב), אז בשעת מ'האט

**א)** ראה בקונטרס החינוך, **להאדמו"ר מפינסק קארלין זצ"ל**, עמ' נח (מובא בקדושת עינים עמ' תכא): "הזהירות וההקפדה על שמירת קדושת העינים יש בה סגולה נפלאה להצלחה בגידול הבנים בתורה ויראת שמים. וכאשר אמרנו לרמז במאמר הכתוב (בראשית מט, כב) 'בן פורת עלי עין', כי האיך יוכל האדם להגיע ל'בן פורת' שיהיו לו בנים פירות כראוי, היינו על ידי 'עלי עין', על ידי שמירת העינים כראוי וכיאות".

**ב)** מזכרונות הרה"ח ר' **נח קליין** ע"ה ששמע מפה קדשו, וכעי"ז מובא גם **בישראל קדושים** פ"ז.

**זכות הוצאת הגליון**

נתנדב ע"י
**משפחת פריעדמאן החשובה**
לע"נ אביהם הרה"ח ר' **אפרים** בן מו"ה **אברהם אליהו** הלוי ז"ל - יארצייט ט"ז כסליו
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מדי יום ביומו בקדושה וטהרה, תהא לעילוי נשמתו בשמי מעל, ותעמוד לזכות כל משפחתו החשובה וכל יוצ"ח, להתברך בכל מילי דמיטב, ברוחניות ובגשמיות, אמן.

**זכות הדפסת הגליון**

נתנדב לזכר נשמת
לע"נ האה"ח **דבורה** ב"ר **שמואל הלוי** ע"ה - יארצייט ה' טבת
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מדי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב. אמן.

**זכות הפצת הגליון**

נתנדב לזכר נשמת איש המעש
הרה"ח ר' **אהרן שאול סאנדעל** ע"ה
יארצייט כ"ה חשון
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מדי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב. אמן.

# אפגעהיטענע אויגן לעכטיגע קינדער

ספר חסידים:

**יעדעס ביסל צער וואס א איד האט צוליב שמירת עינים וועט דאס צוניץ קומען שפעטער פאר זיינע קינדער!**

(ספר חסידים סי' תצה)

מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע:

**די עיקר הצלחה מיט די קינדער ווענדט זיך אין שמירת עינים. אויב איז מען נישט געווארנט אין דעם, קען עס שטארק שאטן פאר'ן רוחניות פון די קינדער!**

(מפי הרה"ח ר' נח קליין שליט"א ששמע מפ"ק)

הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע:

**איינער וואס קוקט נישט אויף פרויען איז זוכה אז זיינע קינדער זאלן זיין מחבר פירושים אויף דער תורה.**

(ספר המדות, ניאוף)

ארומגעפירט יוסף אין מצרים אלץ משנה למלך, זענען אלע פרינצעסינס געשטאנען ביי די פענסטער און אים באווארפן מיט זייערע צירונגען, ווילנדיג ער זאל קוקן אויף זיי. אבער יוסף האט נישט אויפגעהויבן זיינע אויגן אפילו איינמאל! צוליב דעם האט ער זוכה געווען אז זיינע צוויי זין, מנשה און אפרים, זאל פאררעכנט ווערן צווישן די שבטי קה און באקומען א באזונדערע נחלה אין ארץ ישראל[ג].

ענליך דערצו שטייט אין **מדרש רבה** (בראשית צח, כג), אז אין דעם זכות וואס יוסף האט נישט געקוקט, האט ער זוכה געווען אז דורך זיינע טעכטער, די בנות צלפחד וועלכע האבן געשטאמט פון שבט יוסף, איז געגעבן געווארן פאר די אידן א נייע פרשה פון נחלות[ד].

הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זי"ע שרייבט (ספר המדות, ניאוף), "איינער וואס קוקט נישט אויף פרויען איז זוכה אז זיינע קינדער זאלן מחבר זיין פירושים אויף דער תורה"[ה]. ער ברענגט דערצו א רמז פונעם דערמאנטן מדרש, וואו מ'זעט אז אין זכות פון זיין שמירת עינים, האט יוסף זוכה געווען אז זיינע קינדער צולייגן א פרשה צו דער תורה.

אן אינטערעסאנטע זאך דערמאנט הרה"ק **ר' חיים פאלאג'י** זצ"ל אין זיין צוואה: "ס'איז מיר נתגלה געווארן ביינאכט אין חלום אויף משפחת ראם (א בארימטע משפחה אין זיין תקופה) וועלכע האט זוכה געווען צו כתר תורה וגדולה דור אחר דור, אז דאס איז זיי געקומען וויבאלד זיי האבן אפגעהיטן דעם ברית קודש, און וועגן דעם האבן זיי זוכה געווען אז די תורה איז געווען א ירושה פון זייערע עלטערן, ווייל איינס איז געוואנדן אינעם צווייטן".

## געבענטשטע, געראטענע דורות, אן קיין צער

אבער נישט בלויז פאר רוחניות איז שמירת עינים מסוגל. נאר אפילו בגשמיות איז שמירת עינים א פארזיכערטע גאראנטיע פאר געזונטע, געראטענע קינדער און זיי צו היטן פון אלעם בייזן! ווי דער הייליגער **שרף פון סטרעליסק** זי"ע זאגט א זעלטן - קלארע הבטחה (אמרי קודש סטרעליסק אות לח): "איינער וואס היט זיינע אויגן, וועלן זיינע קינדער לעבן, ער וועט זיי מגדל זיין אן צער, און זיי וועלן געראטעוועט ווערן פון די מאורעות הזמן"[ו].

אזוי שטייט אויך אין ספר **מעלות המדות** (סוף מעלה טז) אז דער איד וואס איז זיך מתגבר אויפ'ן יצר הרע און היט זיינע אויגן נישט צו קוקן אויף א דבר ערוה, איז זוכה אז זיינע קינדער זאלן זיין געבענטשט און זיינע דורות זאלן זיך ציען אויף אייביג! ס'וועט מקוים ווערן ביי אים דער פסוק (ישעיה סה, כג), "לֹא יִיגְעוּ לָרִיק וְלֹא יֵלְדוּ לַבֶּהָלָה כִּי זֶרַע בְּרוּכֵי ה' הֵמָּה וְצֶאֱצָאֵיהֶם אִתָּם", וואס דאס מיינט אז די קינדער וועלן חלילה נישט גיין פון דער וועלט בחייו[ז].

## ווען ס'איז שווער — ווערט עס אוועקגעלייגט פאר די דורות

איבערהויפט איז עס וויכטיג צו געדענקן, אז ווען דאס התגברות קומט אן שווער, ווערט יעדער צער אוועקגעלייגט ווערן פאר די אייגענע קינדער, זיי צו העלפן ווען ס'וועט זיך זיי אויספעלן. ווי דער **ספר חסידים** שרייבט (סי' תצה), **"העוצם עיניו מראות ברע, כל דבר צער שאדם סובל בשביל אותו ענין עושים טובה לזרעו"** - איינער וואס פארמאכט זיינע אויגן נישט צו זען וואס מ'טאר נישט, וועט יעדעס ביסל צער וואס ער האט צוליב דעם צוניץ קומען שפעטער פאר זיינע קינדער[ח].

שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ:

# יעדע התגברות איז משפיע דירעקט פאר אונזערע קינדערלעך

## אונזער קדושה גייט אריבער צו אונזערע דורות

נאכמער זענען אונז צדיקים מגלה, אז יעדעס מאל ווען א איד איז זיך מתגבר אויף אן ענין פון קדושה, שיקט ער אויטאמאטיש אריבער א ברכה פון קדושה און השפעה פאר זיינע אייגענע קינדער און דורות! אזוי זאגט דער

---

ג) **תרגם ירושלמי** מתורגם ללשון הקודש: "בשעה שהיו מרכיבים אותך במרכבת המשנה אשר לפרעה והיו מכריזים לפניך ואומרים, דין הוא אבא דמלכא, יחי ויתקיים אבא דמלכא, אב בחכמה ורך בשנים, היו אז בנות המלכים והשרים מרקדות אליך מן החלונות ומציצות עליך מן החרכים, והיו זורקות לפניך שירים, טבעות, קטלאות, רבידים, וכל כלי זהב. סבורות היו שאתה תתלה עינך ותסתכל באחת מהן, אבל חס לך יוסף בני שלא תלית עינך אפילו באחת מהן. והיו בנות המלכים והשרים אומרות אלו לאלו, זהו האיש החסיד יוסף אשר לא הלך אחר מראה עיניו ואחר הרהור לבו, לפי שמראה העינים והרהור הלב מאבדים את האדם מן העולם. לפיכך יקומו ממך שני שבטים מנשה ואפרים, ויקבלו חלק ונחלה עם אחיהם בחלוקת הארץ".

ד) **בראשית רבה**: "את מוצא בשעה שיצא יוסף למלוך על מצרים, היו בנות מלכים מציצות עליו דרך החרכים והיו משליכות עליו שירין וקטלין ונזמים וטבעות כדי שיתלה עיניו ויביט בהן, אף על פי כן לא היה מביט בהן. אמר לו הקב"ה, אתה לא תלית את עיניך והבטת בהן, חייך שאתה נותן לבנותיך צעידה בתורה - מהו צעידה, פרשה". ובמתנת כהונה פירש, "פרשת נחלת בת במקום שאין בן נאמרה על ידי בנות צלפחד בן חפר משבט יוסף".

ה) **ספר המדות**: "מי שאין מסתכל על נשים זוכה שזרעו יחברו פירושים על התורה".

ו) **אמרי קודש סטרעליסק**: "השומר עיניו יחיו בניו, ויגדלם בלא צער, ויציל אותם על ידי זה ממקרי הזמן".

ז) **מעלת המדות** (לרבי יחיאל ב"ר יקותיאל הרופא - חי ברומא בתחילת האלף השישי): "אשריהם הצדיקים שמכניעין את לבם ומדכדכים את נפשם, ומשפילין את עצמן ומשברין את רוחם לפני בוראם, וזובחין את יצרן ומתגברין עליו, ומשתדלים להתרצות במעשיהן הנאים לפני מי שאמר והיה העולם, ועוצמים עיניהם כדי שלא ליהנות מדבר ערוה בעולם הזה, ומתוך כך זוכין בעצמן להקביל פני השכינה וכו'. לכן בניי, תגערו ביצר הרע כדי שלא יסית אתכם ויחטיאכם, כדי שיהיה זרעכם מתברך והולך ולא יכלה לעולם, כענין שנאמר (ישעיה סה, כג) 'לא יגעו לריק ולא ילדו לבהלה כי זרע ברוכי ה' המה'".



הייליגער **הפלאה** זי"ע (פנים יפות פ' בא עה"פ והגדת) אז די נשמות פון א טאטע מיט א קינד זענען מקושר איינע מיט דער אנדערער, און דעריבער ווערט יעדע גוטע מחשבה פונעם טאטן אויך איינגעקריצט אינעם קינד'ס נשמה. און פארקערט חלילה, אויב דער טאטע היט זיך נישט זיינע מחשבות, ווערט דער פגם אויך איינגקריצט אין דער נשמה פון זיין קינד[ט].

אזוי שטייט אויך פון הרה"ק **מהרי"ד מבעלזא** זי"ע, אז יעדעס מאל א מענטש שטייגט בעניני קדושה, גייט דאס אריבער אויך צו די קינדער, זיי ווערן אויך נתעלה דורכדעם[י].

## דעם טאטנ'ס התגברות איז דאס גרעסטע שמירה פאר זיינע קליינע קינדער

הפלא'דיגע ווערטער איבער דעם ענין, געפינען מיר אין ספה"ק **אוהב ישראל**, פונעם הייליגן **אפטער רב** זי"ע (פ' מטות ד"ה ומקנה רב"[יא]):

*קינדער ווען זיי זענען נאך קליין, דארפן זיי האבן א שטארקע שמירה, וויבאלד זיי פארמאגן נאכנישט דעם שכל פון זיך אליין צו טון גוטס. וואס איז די עצה דערצו? נאר ווען א מענטש טוט זיינע מעשים בקדושה וטהרה און מיט ריינע מחשבות, באשאפט ער דורכדעם א הייליגן מלאך וואס איז ממליץ טוב אויף אים אין הימל. און מיר געפינען (דניאל ד, י) אז א מלאך ווערט אנגערופן "עִיר", וואס איז מלשון התעוררות, וויבאלד דער מלאך איז מעורר צו עבודת ה' דעם מענטש זעלבסט, און אויך גיבט ער חיות און איז מעורר זיינע קליינע קינדער וועלכע האבן נאכנישט אליין דעם שכל צו עבודת ה'.*

די ווערטער פון צדיקים געבן אונז אזויפיל חיזוק, אז אפילו אויב דער טאטע איז שוין דורכגעפאלן אינעם עבר, קען ער נאך באופן סגולי משפיע זיין אויף די קינדער קדושה, דורכדעם וואס ער אליין שטארקט זיך!

## א שלעכטער בליק שאדט חלילה פאר די דורות

אט דער געוואלדיגער כח השפעה ארבעט אבער אויך פון דער פארקערטער זייט. אויב א איד היט זיך נישט די אויגן, איז דאס ח"ו גורם א פגם אין די קינדער ברוחניות ובגשמיות ה"י. ווי חז"ל דרוקן זיך אויס (נדרים כ, א, ועיי"ש בר"ן): "**כל המסתכל בעקבה של אשה הויין לו בנים שאינן מהוגנין**" - איינער וואס קוקט אויף נשים וואס זענען נישט פארדעקט בצניעות, וועט האבן קינדער וואס זענען נישט געראטן. אויף א צווייטן ארט אין חז"ל (מסכת דרך ארץ פ"א) איז דאס לשון, "**גוזרין עליו שיהיו לו בנים בעלי מומין**" - מ'שרייבט אים אן ער זאל האבן קינדער בעלי מומין[יב].

הרה"ק **רבי חיים וויטאל** זצ"ל שרייבט פארכטיגע ווערטער (עץ הדעת טוב, פרשת קדושים) בשם דעם **זוהר הקדוש** (פרשת

# געעפנט די אויגן פונעם קינד

**ס'דערציילט הגה"צ ר' צבי מאיר זילבערבערג שליט"א א וואונדערליכן סיפור, וואו מ'האט געזען באשיינפערליך א ישועה מן השמים שלא כדרך הטבע א דאנק א גדר אין שמירת עינים.**

ס'איז געווען א קינד וואס האט אנגעהויבן זיינע חדר יארן ווי אלע קינדער, רואיג און זארגלאז. ס'איז געקומען אין כיתה א', מ'האט אנגעפאנגען לערנען חומש, אבער צום צער פונעם קינד'ס עלטערן און מלמדים האט ער גארנישט קולט געווען. וויפיל מ'האט פרובירט און געארבעט אויף אים האט זיך גארנישט איינגעגעבן; זיין קאפ איז געווען ווי פארשטאפט, נישט ארייננעמענדיג אפילו א פסוק חומש.

דאס קינד איז ארויף איין כיתה און נאך א כיתה, יעדער מלמד האט געטון זיינע אויסגעפרואוווטע מיטלען פון אלע יארן, אבער קיין שום זאך האט נישט געהאלפן. פארשטייט זיך אז די עלטערן זענען געווען צעבראכן אויף שברי שברים, און זיי האבן פארגאסן אסאך תפילות פאר'ן רבש"ע ער זאל עפענען זייער קינד'ס הארץ און מח ער זאל פארשטיין די תורה.

ויהי היום, דער מלמד פונעם קינד האט שוין געוואוסט אלס אן אנגענומענעם פאקט אז דאס קינד פארשטייט גארנישט, ווען מיטאמאל האט ער באמערקט אז ער האט זיך געטוישט. און נישט אביסל, נאר דווקא גאר שטארק. ווי עפעס א צויבער-מיטל איז געווארן אנגעוואנדן אויף אים, האט דאס קינד פלוצלינג אנגעהויבן פארשטיין און מיטהאלטן אין כיתה.

דער מלמד האט נישט לאנג געצעגערט, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט האט ער אנגערופן איבערגעבן די בשורה פאר'ן טאטן, צו וועמענ'ס פרייד ס'איז נישט געווען קיין גרעניץ. אבער צו דעם האט דער מלמד אויך געוואלט וויסן ווי אזוי דאס האט פאסירט. מ'האט דאך שוין פרובירט אלעס אין דער וועלט און מ'האט שוין כמעט אויפגעגעבן אויף אים, וואס אזוינס האט מען יעצט געטון אז ס'איז געשען אזא נס?

"אז דו פרעגסט מיר," זאגט דער טאטע, "וועל איך דיר דערציילן:

"מיט עטליכע וואכן צוריק האב איך מקבל געווען אויף מיר און גע'חתמ'עט מיין נאמען אויף א צעטל אוועקצושטיין פון אלע טעכנאלאגישע כלים, כדי צו היטן מיינע אויגן.

"פון דעמאלט אן בין איך יעדע נאכט ביי חצות הלילה צוגעגאנגען צו דעם צעטל, און מתפלל געווען צום רבש"ע אז אין זכות וואס איך בין נתעלה געווארן אינעם ענין פון שמירת עינים, זאל זיין 'והאר עינינו בתורתך' ביי מיין קינד, זיינע אויגן זאלן אנהייבן לייכטן אין תורה און ער זאל פארשטיין וואס ער לערנט.

"היינט איז דער פערציגסטער טאג זינט איך האב אנגעהויבן מיט דער תפילה, און יעצט רופסטו מיך מיט דער געוואלדיגער בשורה. איז נאך דא א ספק ווי אזוי דער נס האט פאסירט?"

---

**ח) ספר חסידים:** "העוצם עיניו מראות ברע, כל דבר צער שאדם סובל בשביל אותו ענין עושים טובה לזרעו, שנאמר (ישעיה נג, י) 'יראה זרע יאריך ימים', וכתיב (משלי כ, ז) 'אשרי בניו אחריו'".

**ט) פנים יפות:** "האב מזכה את בנו (עדיות פ"ה מ"ב), הוא במחשבתו, שהבן נאצל מנשמת האב להמחשבה טובה, [והאב] המתקן נשמתו הוא תיקון דורותיו... וכתוב (דברים כד, טז) איש בחטאו יומתו, כי העון שהוא במחשבה ונרשם בנשמה הוא גורם לבניו, משא"כ בחטא שהוא במעשה ולא במחשבה אין זה גורם לבניו".

**י)** לקט אמרי קודש (סוכות קז, מתוך מקראי קודש) בשם הרה"ק **מהרי"ד מבעלזא** זי"ע: "יוסף ה' עליכם עליכם ועל בניכם. אמר אאמו"ז [מהר"י] מהו כפל הלשון "עליכם עליכם", רק הרמז אם תוסיפו עליכם קדושה, תסובב הקדושה הזאת לא עליכם בלבד, רק עליכם ועל בניכם". וראה עוד בהרחבה בלקט אמרי קודש עה"פ וברך פרי בטנך מתוך מאקאווא חיבור.

**יא) אוהב ישראל:** "הטף צריכים שמירה ביותר כשהם בקטנותם ואין בהם שכל להיות עושים טוב, והתיקון להטף ולבניו הקטנים הוא כך: כשהאדם עושה מעשיו בקדושה ובטהרה ובמחשבה טובה, אז הוא בורא מלאך הקדוש, והוא עולה ויושב בשמים להמליץ טוב עבור האדם כי הוא נותן לו חיות ושפע. ומלאך נקרא 'עיר' על דרך עִיר וְקַדִּישׁ (דניאל ד, י), ולכן נקרא עיר מלשון התעוררות, שמעורר את האדם לעבודתו יתב"ש, ומועיל להאדם שהוא נותן חיות להטף ולבניו הקטנים שאין בהם שכל והמלאך מעורר אותם לעבודתו יתברך שמו. וזה שאמר הכתוב 'בנו לכם ערי"ם לטפכם', ר"ל שתראו בכל העובדות לעשות מלאך הקדוש ויהיה תיקון להטף שזהו העיקר".

**יב)** בגמרא שם איתא, "אמר רבי שמעון בן לקיש, עקבה דקתני במקום התו' שהוא מכוון כנגד העקב". אמנם ברשב"א (תורת הבית ד.) וטושו"ע (יו"ד קצה ס"ז) הביאו לאיסור בכל מקומות המכוסים, ונראה מדבריהם שגם על זה קאי דברי הברייתא "הויין לו בנים שאינן מהוגנין", וכן נראה בב"י ובדרישה ובט"ז (סק"ז). אך בב"ח כתב שאף שאסור להסתכל בכל מקומות המכוסים, מ"מ אין בזה עונש המובא כאן, וכן עולה מדברי הגר"א לפי הגירסא בגמרא שלפנינו. והראב"ד כתב (בעלי הנפש ריש שער הפרישה, וכ"ה בתורת שלמים וסדרי טהרה ביו"ד שם) שנחלקו בזה ריש לקיש ורב יוסף בגמרא, ומסיק שמצד העונש אין לנו להכריע במעשה שמים, אבל האיסור בודאי חל בכל אופן עיי"ש.

# שלעפן באקסעס אין ווערהאוז — א סגולה פאר גוטע קינדער...

דערציילט דורך הרה"ג רבי אהרן שמואל פאדווא שליט"א, מו"ץ סאטמאר בארא פארק:

די מעשה האב איך געהערט פון דעם בעל העובדא אליין, וועלכער האט מיר דאס געשילדערט מיט א געוואלדיגע התרגשות. כ'וועל דאס איבערגעבן אין זיינע אייגענע ווערטער:

אין ישיבה האב איך געהאט א גאר נאנטן חבר, לאמיר אים רופן מענדל, וואס מיר האבן צוזאמען געלערנט פלייסיג ביז דער חתונה און אויך נאכדעם אין כולל. איך קום פון א תורה'דיגער שטוב, דעריבער האב איך ב"ה געטראפן א שטעלע פון הרבצת התורה. ווידעראום מיין חבר מענדל, איז א זון פון א פארמעגליכן איד וואס שטייט אין שפיץ פון א גרויסע פירמע, און ער האט דעריבער אויך געזוכט א גוטע פרנסה אין דער ביזנעס וועלט.

מיט א צייט שפעטער האב איך געהערט אז מענדל האט געטראפן ארבעט אין א ווערהאוז. ס'איז מיר געווען א גרויסע וואונדער, וואוסנדיג אז זיין טאטע פירט דאך א ריזיגע ביזנעס מיט פילע אפטיילונגען, און ער וואלט בפשטות געקענט דארט טרעפן א גוטע פאזיציע און מצליח זיין דארט. פארוואס האט ער געמוזט גיין ארבעטן אין א ווערהאוז?! נו, נישט אלעס אין לעבן פארשטייט מען...

עטליכע יאר דערויף רופט מיר מענדל אן מיט א בקשה: ער שפירט אז ער קען נוצן חיזוק אין קביעות עתים לתורה, און ער איז אפילו גרייט צו באצאלן אז מיר זאלן לערנען בחברותא.

זאג איך אים אז אדרבה, איך קום אהיים יעדע נאכט פון ישיבה און מיר קענען דעמאלט קובע זיין א צייט צו לערנען. אבער מענדל זאגט מיר: "ביינאכט איז נישטא וואס צורעדן... אגאנצן טאג בין איך ממונה אויף הונדערטער גוי'אישע ארבעטער, און ס'מאכט זיך כסדר אז איך דארף אויך צוהעלפן מיט דער שווערער פיזישע ארבעט. ווען איך קום אהיים סוף טאג בין איך צו שטארק אפגעמוטשעט. איך וויל ענדערש לערנען אינדערפרי, ווען דער קאפ איז נאך פריש און מונטער".

אזוי איז טאקע געווען. מיר האבן זיך קובע געווען צו לערנען יעדן פארטאגס. אבער די אלטע מחשבות האבן מיר נאכאמאל געדרוקט: "וואו איז זיין טאטע?! פארוואס לאזט ער זיין זון ארבעטן אזוי שווער אין ווערהאוז? ער וואלט לייכטערהייט אים געקענט געבן א מכובד'דיגע פאזיציע אין זיין ביזנעס". איך האב אבער געהאלטן די מחשבות ביי מיר.

די יארן לויפן, און ס'איז געקומען די צייט צו טון שידוכים. איין טאג רופט מיר מענדל אינמיטן טאג: "וועלכע אינפארמאציע קענסטו מיר געבן אויף בחור פלוני וואס לערנט אין דער ישיבה וואו דו ביסט איינגעשטעלט?".

איך האב געקלערט צו מיר אז דאס מוז זיין א טעות... מ'רעדט דא פון דעם סאמע בעסטן בחור פון ישיבה, א איידעלער ירא שמים, וואס איז אויסגערופן מיט זיין התמדה און מדות טובות. פארוואס זאלן זיי מסכים זיין זיך צו משדך זיין מיט מענדל, וואס איז בסך הכל א פשוט'ער באלעבאס?!

נישט וועלנדיג אז מענדל זאל ווערן צו שטארק פרייליך מיט דעם שידוך, האב איך אים געגעבן אויבערפלעכליכע אינפארמאציע, צולייגנדיג אז אויב עס ווערט נענטער דעמאלט וועלן מיר שמועסן מער וועגן דעם בחור. אבער מענדל האט מיר איבערראשט זאגנדיג: "זיי זענען גרייט צו שליסן דעם שידוך היינט! איך וויל בלויז וויסן עטליכע פרטים כדי צו געבן דעם אקעי"... פארשטענדליך אז כ'האב אים געזאגט: "אויב דו קענסט האבן דעם בחור, כאפ עס מיטביידע הענט".

און ווי אומגלויבליך ס'איז מיר געווען, איז דער שידוך טאקע געשלאסן געווארן למזל טוב! אהיימקומענדיג פון דעם ווארט, האב איך געשמועסט אין שטוב וועגן דעם שידוך, און מיין טאכטער זאגט מיר: "דו ווייסט וואס פארא וווילע שטוב מענדל האט אויפגעשטעלט? זיינע קינדער זענען אלע געלונגען און פיין, צו גאט און צו לייט, ס'איז בכלל נישט קיין וואונדער אז מען וויל אים אזוי שטארק האבן".

א צייט שפעטער, נאכ'ן לערנען פארטאגס, האט מענדל זיך ענדליך ארויסגעכאפט מיט זיין סוד: דו געדענקסט יארן צוריק, ווען איך האב געזוכט א דזשאב? דעמאלט האט מיר מיין טאטע אנגעטראגן אז איך זאל קומען ארבעטן צו אים אין ביזנעס. אבער איך האב נישט געוואלט! ווייסט פארוואס? ווייל איך האב געוואוסט אז איך גיי דארט האבן נסיונות אין שמירת עינים. עס ארבעטן דארט מערערע פרויען און מ'דארף אסאך זיצן ביים סקרין. איך האב בשום אופן נישט געוואלט ארבעטן אויף אזא פלאץ. ענדערש האב איך אויסגעקליבן צו ארבעטן אין א ווערהאוז וואו מ'זעט בלויז באקסעס מיט גוי'אישע ארבעטער, אן קיין שום חשש פון ראיות אסורות.

אצינד האב איך שוין אלעס פארשטאנען... אכן נודע הדבר, וויאזוי איז מען זוכה צו אזעלכע גוטע קינדער! דער יונגערמאן האט מחליט געווען: "איך דארף נישט קיין כבוד, איך דארף נישט קיין מכובד'דיגע פאזיציע, איך דארף א ריינע נשמה!". ער קומט אהיים יעדע נאכט מיט א פארמאטערטע גוף, אבער זיין נשמה איז זויבער. נו אודאי, אז מ'פלאנצט איין א שטוב מיט אזויפיל ריינקייט און קדושה, קומט ארויס געבענטשטע שיינע פירות, זרע ברך ה'.



קדושים): "איינער וואס קוקט אויף א פרעמדע פרוי, כאטש ער טוט גארנישט במעשה און ער רעדט אפילו נישט צו איר, קען דאס גורם זיין אז זיינע קינדער זאלן זיין רשעים און פרוצים וואס ווערן אנגערופן 'אלהי מסכה' רח"ל"[יג].

## גורל'דיגע מאמענטן פאר די אייגענע דורות

דאס הייסט אין אנדערע ווערטער, אז ווען מען שטייט פאר א נסיון מיט שמירת עינים, געפינט מען זיך אצינד פארנט פון א קריטישע ווענדפונקט, וואו די אייגענע דורות ליגן אויפ'ן וואגשאל! עס כאפט דאך באמת א פחד ווען מ'באגרייפט אז ס'איז א שפיל מיט'ן עתיד פון אונזערע קינדערלעך. וועלכער איד איז דען גרייט צו דערלייגן זיינע קינדער צוליב אביסל צייטווייליגע הנאות?

געוויס איז אויך מדה טובה מרובה: ווען מיר וואלטן קלאר געזען וויפיל עגמת נפש מיט די קינדער מען פארשפארט זיך, מיט יעדעס מאל וואס מ'האלט צוריק די אויגן, וואלט יעדער איינער זיכער בייגעשטאנען סיי וועלכן נסיון, אפגעזען ווי שווער ס'קומט אים אן!

**וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן:**

# בשעת נסיון איז מסוגל צו דאווענען אויף גוטע קינדער

## די תפלות בשעת התגברות ווערן נתקבל

מיר געפינען אז די צייט וואס מ'צינדט די שבת-ליכט איז א ספעציעל מסוגל'דיגער זמן צו מתפלל זיין אויף גוטע קינדער. דער טעם דערצו ווערט געברענגט אין די פוסקים[יד] אז דאס איז וויבאלד די ליכט איז א סגולה אויף קינדער תלמידי חכמים, דעריבער בשעת מ'צינדט אן די ליכט איז א פאסיגע צייט צו בעטן דערויף.

אויב אזוי איז אודאי דאס זעלבע אויך שייך כלפי שמירת עינים, וואס דורכדעם איז מען זוכה צו ערליכע קינדער! דאס הייסט אז ווען א איד שטארקט זיך צו אפהיטן זיינע אויגן, ווער רעדט נאך ווען ער האט א נסיון יא צו קוקן און ער האלט זיך צוריק, איז דעמאלט געוויס א מסוגל'דיגע צייט צו בעטן אין דעם זכות אויף גוטע, ערליכע, און געראטענע קינדער. אזא תפלה האט א באזונדערע חשיבות און ס'ווערט זיכער נתקבל לרחמים ולרצון!

## בעטן אויף די קינדער און דורות

געוויס איז אזא צייט אויך מסוגל מתפלל צו זיין אז די קינדער און אייניקלעך זאלן אלעמאל קענען ביישטיין אויב וועלן זיי אונטערקומען אזעלכע נסיונות. ווי דער **ספר חסידים** שרייבט (אות קס), אז יעדעס מאל וואס א איד האט א נסיון און ער האלט זיך צוריק, קען ער דעמאלט בעטן ביים אויבערשטן אז זיינע קינדער און אייניקלעך זאלן אויך האבן די כוחות זיך צוריקצוהאלטן פון דער זעלבער זאך. און דאס גיבט זיי טאקע שפעטער דעם כח בייצוקומען זייערע נסיונות, כאטש זיי אליין וואלטן דאס נישט געקענט באוויזן.

דער ספר חסידים לייגט צו אז צוליב דעם טאקע האבן אלע אידן דעם כח זיך צו לאזן שחט'ן און פארברענען על קידוש ה', ווייל דאס האט אברהם אבינו גע'פועל'ט ביים אויבערשטן נאכדעם וואס ער איז בייגעשטאנען דעם גרויסן נסיון פון עקידת יצחק, אז אלע אידן עד סוף כל הדורות זאלן האבן דעם כח זיך צו מוסר נפש זיין פאר'ן אויבערשטנ'ס וועגן אזוי ווי יצחק אויף דער עקידה!

זאל השי"ת העלפן אז די הייליגע חנוכה ליכט זאל אונז טאקע באלייכטן די אויגן, זיך צו שטארקן מיט שמירת עינים אין אלע אומשטענדן, וואס דורכדעם וועלן מיר זיכער געבענטשט ווערן צו ערליכע געזונטע קינדער, אהובים למעלה ונחמדים למטה, מיט אסאך אידיש נחת מתוך הרחבת הדעת.

### א ליכטיגן און פריילעכן חנוכה!

**הרה"ק ר' חיים פאלאג'י זצ"ל:**

**ס'איז מיר נתגלה געווארן ביינאכט אין חלום אויף משפחת ראם (א בארימטע משפחה יענער צייט) וועלכע האט זוכה געווען צו כתר תורה וגדולה דור אחר דור, אז דאס איז זיי געקומען וויבאלד זיי האבן אפגעהיטן דעם ברית קודש, און וועגן דעם האבן זיי זוכה געווען אז די תורה איז געווען א ירושה פון זייערע עלטערן, ווייל איינס איז געוואנדן אינעם צווייטן.**

(מתוך צוואה שלו)

**ספר חסידים:**

**יעדעס מאל וואס א איד האט א נסיון און ער האלט זיך צוריק, קען ער דעמאלט בעטן ביים אויבערשטן אז זיינע קינדער און אייניקלעך זאלן אויך האבן די כוחות זיך צוריקצוהאלטן פון דער זעלבער זאך!**

(ספר חסידים אות קס)

**הרה"ק מסטרעליסק זצ"ל:**

**איינער וואס היט זיינע אויגן, וועלן זיינע קינדער לעבן, ער וועט זיי מגדל זיין אן צער, און זיי וועלן ניצול ווערן פון די מאורעות הזמן.**

(אמרי קודש סטרעליסק לח)

יג) **עץ הדעת טוב להרה"ק רבי חיים וויטאל:** "מי שמסתכל בעריות, אפילו בלי מעשה ודיבור כלל, גורם שבניו הנולדים לו מאשתו המותרת לו יהיו רשעים פרוצים נקראים 'אלהי מסכה', כמו שכתוב בספר הזוהר על פסוק זה".

וזהו לשון **הזוהר** בפרשת קדושים (פד, א): "כך הוה רבי שמעון עביד כד הוה אזיל במתא והוו חבריא אזלין אתבריה וחמא לאיתנו שפיראן, מאיך עיניה, והוה אמר לחבריא 'אל תפנו'. וכל מאן דאסתכל בשפירו דאינתתא בימא, אתי להרהורי בליליא, ואי סליק ההוא הרהורא בישא עילויה, אעבר משום 'ואלהי מסכה לא תעשו לכם'. תו, אי שימש באינתתיה בזימנא דסליק ביה הרהורא בישא, אינון בנין דאולידו אלהי מסכה איקרון, ועל דא כתיב 'אל תפנו אל האלילים ואלהי מסכה לא תעשו לכם'".

יד) עי' **מג"א** (רסג ס"ק יא) בשם **רבינו בחיי** (שמות יט, ד) ועיי"ש **במחצית השקל**, ובספר **קרבן שבת** (פ"י סי' ה, מובא בספר **קביעא וקיימא** ח"ב עמ' תסג).

געגענטפערט דורך
די חשוב'ע מדריכים
פון "לב להאזין"

לב להאזין
הילף ליין
718.673.2999
קלארקייט • חיזוק • הדרכה
בהמלצת גדולי ישראל שליט"א

# שואל מדעת

## א פלאטפארמע צו אנפרעגן יעדע שאלה אין שמירת עינים

## מעג איך גיין צו דער חנוכה פארטי?

**שאלה:** **ווי איינגעפירט בכל תפוצות ישראל קומט זיך אונזער משפחה צוזאם אויף א 'חנוכה פארברענג'. קיינער מיינט נישט ח"ו קיין שלעכטס, אבער למעשה האט שוין פאסירט אז אינמיטן די מסיבה זאל אומווילנדיג פאסירן געוויסע זאכן וואס דשדשדשדען מיר אפשר ברענגען צו נסיונות אין שמירת עינים.**

**איך קווענקל זיך זייער שטארק וויאזוי זיך צו פירן: זאל איך יא אהינגיין, טראצדעם וואס ס'קען אפשר אונטערקומען מכשולות, אדער זאל איך זיך נישט באטייליגן, און זיין דער 'יוצא דופן' פון דער משפחה?**

**תשובה:** ווי פארשטענדליך איז דא זייער אסאך פרטים ביי אזא שאלה. יעדער מענטש איז אנדערש, יעדע משפחה איז אנדערש, און יעדע מציאות איז אנדערש. ס'איז אודאי אוממעגליך צו ענטפערן אן אלגעמיינע כלליות'דיגע הוראה דערויף. חז"ל זאגן אונז שוין (אבות, א, טז): 'עשה לך רב, והסתלק מן הספק' – ווען מ'האט א ספק וויאזוי זיך צו פירן, דארף מען דאס אנפרעגן דעם דעת תורה פון א מורה הוראה. לאמיר בלויז ערוועגען עטליכע פרטים וואס קען האפנטליך מער אויסקלארן וויאזוי צו האנדלן אין אזעלכע פעלער.

***

צום אלעם ערשטן דארף מען געדענקן, אז מ'טאר קיינמאל נישט אונטערשאצן די אייגענע כוחות. דאס מציאות איז, אז יעדער איינער קען גאר אסאך אויפטון! אסאך מאל איז דער מענטש אזוי פארנומען צו באדויערן דעם מצב, און זיך עגבערן פארוואס ער דארף גיין צו א מסיבה וואו ס'איז דא פראבלעמען, אז ער פארגעסט בכלל צו טראכטן: "וואס קען איך יא טון אז ס'זאל זיך טוישן דער גאנצער מצב צום גוטן".

געוועגליך ווען ס'מאכט זיך חלילה פראבלעמען מיט די גדרי הצניעות, קומט דאס נישט פון קיין בפירוש'ע לייכטזיניגקייט, נאר ס'פאסירט אזוי, ווייל מ'קומט זיך צוזאם מיט דער משפחה און מ'וויל פארברענגען און הנאה האבן. דאס ברענגט אז מ'כאפט זיך נישט וואס מ'טוט. אבער אויב איז דא אפילו איינער וואס מיינט עס ערנסט, קען ער אלעס איבערדרייען צום גוטן. ער קען טוישן די גאנצע אטמאספערע, אז ס'זאל זיין א געשמאקע חנוכה מסיבה פאר דער גאנצער פאמיליע, וואס זאל אויך זיין אויסגעהאלטן און ערליך.

דער פשוט'ער מהלך וויאזוי דאס צו טון, איז ארייננצוטראכטן: "ווער איז דער ריכטיגער מענטש צו וועמען איך קען רעדן דערוועגן?". מ'רופט יענעם אן, און מען שמועסט זיך אויס אפנהארציג, אויף אן איידעלן אופן, בדרכי נועם. מ'קען טראכטן איידער דעם שמועס, וועלכע נקודות מ'זאל מעורר זיין צו טוישן, לויט דעם מצב. צום ביישפיל אז מ'זאל נישט שפילן קיין געימס צווישן מענער און פרויען, אדער אז ס'זאל זיין מחיצות ביי א גרעסערע משפחה, וכדומה. און בעז"ה וועט מען זען גרויסע שינויים! ישראל קדושים הם, אידן ווילן זיין וואויל און ערליך, מ'דארף זיי נאר מעורר זיין, און ביי מערסטנס פעלער וועט די זאך ווערן פולקאם מסודר. מ'קען גאר אסאך אויפטון מיט א פשוט'ע פעולה, און מ'זאל זיך נישט אליין אונטערשאצן.

***

נאך א נקודה: איינס פון די סיבות פארוואס ס'שפירט זיך ווי אזא גרויסער נסיון, איז ווייל דער גאנצער בליק אויף דער חנוכה מסיבה איז: "איך גיי יעצט צו א פלאץ פון נסיונות, ס'גייט דארט זיין אזוי שווער". און ווען מ'גייט מיט אזא סארט שווערע און אנגעצויגענע געפיל, ברענגט דאס אויטאמאטיש אז מ'איז אראפגעשלעפט און אנגעצויגן, וואס קען גרינגער גורם זיין נסיונות חלילה.

מ'דארף דעריבער טוישן דעם בליק. מ'זאל זיך מתבונן זיין אז א חנוכה מסיבה איז א דערהויבענע צייט, ווי עס שטייט אין ספרים אז ווען מ'קומט זיך צוזאם מיט דער משפחה, להודות ולהלל, צו דאנקן און לויבן דעם רבוש"ע מיט שירות ותשבחות, איז דאס א סעודת מצוה[1]. מ'זאל צוגיין דערצו מיט א רואיגקייט אויך א דערהויבענע הכנה: "איך גיי יעצט דינען דעם רבוש"ע, איך גיי אים מאכן א נחת רוח".

דאס אליין, ווען מ'קוקט אן די זאך מיט א ליכטיגן בליק און מ'האט א גוטע אויפגעלייגטע געפיל אז מ'טוט אצינד דעם רצון ה', נעמט אראפ פון די אנגעצויגנקייט! עס גיבט די נויטיגע התרוממות נישט צו ווערן צעבראכן און אריינגעשלעפט אין נסיונות, נאר צו בלייבן דערהויבן און הייליג.

***

אויב מ'שפירט אז למעשה איז יא דא א חשש פון מכשולות, און מ'קומט פרעגן פון א מורה

1. כדברי הרמ"א הידועים (סימן תר"ע ס"ב. ועיין בספר החיים (ספר החיים, פרנסה וכלכלה, פ"ג) מהג"ר חיים זצ"ל אחי המהר"ל מפראג שיש בזה מצוה. שכתב שם וז"ל: ומעתה אל תהא סעודת המרעים קל בעיניך... וכן היה המנהג אף מימים הקדמונים, להיות לכל משפחה ומשפחה יום מיוחד בשנה שהיה להם משתה ולשמחה, כמו שאמר דוד כי זבח משפחה לנו בעיר. וכל הסעודות שאנו נוהגים לעשות בחנוכה נראה דאינם רק דרך זבח משפחה על הנסים שנעשו לאבותינו בזמן הזה.

הוראה צי מ'זאל זיך באטייליגן ביי אזא מסיבה, איז כדי צו מעתיק זיין וואס דער מסילת ישרים שמועסט אויס אין פרק כ', אז יעדער איד איז אלעמאל מחיוב צו האלטן יעדע מצוה מיט אלע דקדוקים, און ער זאל זיך נישט שעמען אויב אנדערע קוקן אים אראפ דערפאר, ווי דוד המלך זאגט: 'ואדברה בעדותיך נגד מלכים ולא אבוש'. אבער דער מסילת ישרים לייגט דארט צו, אז ס'איז דא דערביי א גרויסע חילוק און הבחנה. אויב די זאך איז א הלכה, דעמאלט איז דא א חיוב צו זיך האלטן שטארק אן קיין פשרות. אבער אויב איז דאס בלויז א 'תוספות חסידות', ס'איז נישט קיין 'חובה מוחלטת', און ס'קען צוברענגען אז מענטשן וועלן לאכן פון אים, דעמאלט זאל מען דאס נישט טון. דארט איז שייך דער כלל פון 'הצנע לכת עם אלקיך'.

דאס הייסט, אז אויב דער 'דעת תורה' באשטימט, אז מ'זאל נישט גיין צו אזא פלאץ, דעמאלט דארף מען האבן די שטארקייט זיך צוריקצוהאלטן, טראץ אלע אומאנגענעמליכקייטן - הוי עז כנמר לעשות רצון אביך שבשמים. געוויס זאל מען אכטונג געבן אז ס'זאל זיין אויף אן איידעלע וועג, און ס'זאל נישט ארויסקומען דערפון קיין מחלוקת ח"ו, אבער אין אזא פאל דארף מען מקיים זיין דעם 'לא יבוש מפני המלעיגים עליו'.

אבער גלייכצייטיג דארף מען 'דאס זעלבסט' פרעגן פון א מורה הוראה, צי דאס איז אן עיקר הלכה, צי דאס איז נאר א מדת חסידות, און וויאזוי מ'זאל זיך אויפפירן למעשה.

ס'איז דעריבער א פראקטישע עצה אז איידער מען פרעגט אזא שאלה, זאל מען זיך גוט אנגרייטן און זיכער מאכן אז מ'ברענגט ארויס קלאר אלע פרטים. ווייל ס'קען אסאך מאל זיין דאס זעלבע מציאות, וואס פאר איינעם איז עס טאקע מותר, אבער פאר א צווייטן איז עס נישט אויסגעהאלטן. יעדער מענטש קען זייער גוט וויסן ביי זיך, אז: "אויב אנדערע װאלטן געפרעגט די שאלה, וואלט עס מעגליך געווען פאר זיי ערלויבט, אבער לויט מיין נאטור קען איך יא נכשל ווערן, מאיזה סיבה שהוא". ס'איז זייער כדאי אז ווען מ'פרעגט די שאלה זאל מען זיך קלאר ארויסברענגען, סיי וויאזוי די חנוכה מסיבה קוקט אויס, און סיי וויאזוי דער מענטש אליין שפירט דערוועגן. אזוי קען מען בעז"ה באקומען די ריכטיגע הוראה, לדעת את הדרך ילך בה.

***

אין פאל וואס מ'טרעפט זיך ביי א חנוכה מסיבה וואו מ'האט מורא אז מ'קען נכשל ווערן מיט שמירת עינים, איז זייער וויכטיג צו נוצן דעם אייגענעם קאפ צו אויסמיידן פראבלעמען. צום

> **מ'טאר קיינמאל נישט אונטערשאצן די אייגענע כוחות. דאס מציאות איז, אז יעדער איינער קען גאר אסאך אויפטון! אסאך מאל איז דער מענטש אזוי פארנומען צו באדויערן דעם מצב, און זיך עגבערן פארוואס ער דארף גיין צו א מסיבה וואו ס'איז דא פראבלעמען, אז ער פארגעסט בכלל צו טראכטן: "וואס קען איך יא טון אז ס'זאל זיך טוישן דער גאנצער מצב צום גוטן"**

ביישפיל קען מען זיך האלטן באשעפטיגט מיט די אייגענע קינדער, אדער קען מען זיך מאכן פארנומען מיט'ן עסן, מיט די שפילצייג, מיט'ן טעלעפאן, א.ד.ג. אז די אויגן זאלן בלייבן הייליג בעז"ה.

און אודאי איז דער עיקר, צו מקיים זיין דעם 'לעולם יקדים אדם תפלה לצרה', און בעטן דעם רבוש"ע אז ער זאל אפהיטן פון אלעם בייזן. ווי עס שטייט אין ספה"ק דברי יואל פרשת נשא, אז דער אויבערשטער האט אונז דא אראפגעשיקט אין גלות, צו אזעלכע פלעצער וואו מ'שטויסט זיך אן אין נסיונות, און דאס בעסטע עצה דערצו איז צו מתפלל זיין: "רבוש"ע, דו האסט מיר געברענגט דא, געב מיר די כוחות צו ווערן געראטעוועט פונעם יצר הרע", ווייל נאר מיט סייעתא דשמיא קען מען בעז"ה דורכגיין אלע נסיונות, מיט א גבורת הנפש.

## א סך הכל אויף למעשה:

- מ'זאל נישט אונטערשאצן די אייגענע כוחות. אויב מען מערקט אן בדרכי נועם פאר'ן ריכטיגן מענטש אין דער משפחה, קען מען בעז"ה גאר אסאך טוישן צום גוטן.
- ס'איז ראטזאם צו קוקן אויף די חנוכה מסיבה מיט א דערהויבענע און פאזיטיווע בליק, אז ס'איז א געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט משפחה ביי א סעודת מצוה, און דאנקן צוזאמען השי"ת מיט שירות ותשבחות. אזא צוגאנג ברענגט אראפ די אנגעצויגנקייט און פארמיידט פון אראפגעשלעפט ווערן.
- ווען מ'פרעגט א שאלה, איז וויכטיג אויסצושמועסן אלע פרטים, כדי צו וויסן קלאר אויב ס'איז אן 'עיקר הלכה', אדער א 'מדת חסידות'. אויב טאר מען זיכער נישט גיין עפ"י הלכה, דעמאלט איז אודאי גילטיג דער כלל פון 'ולא יבוש מפני המלעיגים'. אויב מעג מען יא זיך באטייליגן, זאל מען זיך נישט שטעלן דערויף, נאר מקיים זיין 'והצנע לכת עם ה' אלקיך'.
- א ריינע תפלה בעפאר, איז אלעמאל די בעסטע אוןווירקזאמסטע מיטל צו פארמיידן מכשולות בעז"ה.

צו פרעגן א שאלה, הערות והוספות, רופט טהור עינים 845.999.4114 עקס. 1-7

צו רעדן פערזענליך צו א מדריך, רופט לב להאזין 718.673.2999

אלו המושלים ביצרם
(ב"ב עח:)

# יאמרו המושלים

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייטן** מיט **היינטיגע נסיונות**.



## אן אויסגעצאלטע וואקאציע

**א איד פון ארץ ישראל דערציילט:**

אין די בין הזמנים טעג דא אין ארץ ישראל האב איך געוואלט ארויספארן מיט מיין משפחה אויף וואקאציע. אזוי ווי איך בין א כולל אינגערמאן האב איך געזוכט אויסצומיידן די איבריגע הוצאות פון דארפן דינגען א דירה, נאר אנשטאט דעם האב איך פרובירט אויפצוטוישן א דירה מיט א צווייטן איד פון אן אנדערן שטעטל אין ארץ ישראל; דאס מיינט, איך גיי אריבער מיט מיין משפחה אין זיין דירה, און ער קומט צו אונזער דירה אין ירושלים, און אזוי האבן צוויי משפחות אן אומזיסטע וואקאציע.

למעשה איז די איינציגסטע פארשלאג וואס מיר האבן באקומען געווען אין א געוויסער געגנט וואו עס וואוינען טאקע אסאך פרומע אידן, אבער עס זענען אויך דא דארט פריי. איך האב בשום אופן נישט געוואלט איינשטעלן די אויגן פון מיר און מיינע קינדער אין אזא נסיון. דעריבער האבן מיר באשלאסן אז מיר וועלן ענדערש זיך אנשטרענגען און יא דינגען א דירה פאר געלט אינעם פרומען ישוב "בית חלקי".

ווען עס איז אנגעקומען סוף פונעם זמן, הארט איידער בין הזמנים, איז צוגעקומען צו מיר א צווייטער כולל אינגערמאן און מיר געזאגט אז א גביר פון חוץ לארץ האט אים אריבערגעשיקט געלט, אז ער זאל עס אויסטיילן פאר אלע כולל אינגעלייט פאר די בין הזמנים הוצאות. איך געב א קוק און איך זע אז דער סכום איז בערך **דער זעלבער סכום וואס איך האב געדארפט האבן צו באצאלן פאר די וואקאציע-דירה!**

מיר האבן טאקע ברוך ה' געהאט א גאר געשמאקע און אפגעהיטענע בין הזמנים סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

די מעשה איז נאכנישט געענדיגט. א יאר שפעטער איידער בין הזמנים קומט צו צו מיר א חבר און מעלדעט מיר איין אז א געוויסע ישיבה וויל דינגען א פלאץ אינדרויסן פון די געגנט, כדי היימישע בחורים זאלן דארט קענען פארוויילן דורכאויס בין הזמנים אין א היימישע, ערליכע סביבה, על טהרת הקודש, און **דעריבער זוכן זיי אפאר אינגעלייט וועלכע זאלן מסכים זיין מיטצופארן מיט זיי אלס אחריות, און מען קען מיטנעמען אויך די משפחה.**

אזוי ארום האבן מיר דעם יאר נאכאמאל זוכה געווען ב"ה צו אן אומזיסטע, אפגעהיטענע וואקאציע.

איך בין ממש נשתומם געווארן צו זען דעם **'אין אדם שומע לי ומפסיד'!** אויב מען טוט וואס מען קען כדי צו זיין אפגעהיטן איז מען זוכה אז פון הימל העלפט מען ארויס, און **'בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו.'**




## דער רעוואלווער שיסט נישט

**עס פארציילט הרב אל-רועי שמעי שליט"א, ראש הכולל "כולל חצות – צילו של היכל" אין ירושלים:**

מיט צוויי און אהאלב יאר צוריק בין איך געשטאנען צוזאמען מיט א חבר ביי דעם 'אפרת' אינטערסעקשאן אויפ'ן וועג אריין קיין ירושלים, און מיר האבן געווארט אויף א היטש, אדער אויף א באס, וואס זאל אונז טראגן ווייטער.

אזוי שטייענדיג דארט, איז אנגעקומען א פרוי וואס האט אויך געווארט אויפ'ן באס. אבער איך האב נישט געוואלט דארט שטיין הינטער א פרוי, האבן מיר זיך עטוואס אפגערוקט פון יענעם ווינקל און מיר האבן זיך געשטעלט אויף אן אנדערן פלאץ.

פלוצלינג שטעלט זיך אפ א קאר נעבן אונז. ווילאנג מיר האבן זיך אראפגעבויגן כדי צו פרעגן אין וועלכע ריכטונג ער פארט, איז דער אראבישער דרייווער שוין געווען גענוג פולקאם גרייט מיט א 16F רעוואלווער און ער האט פשוט אנגעהויבן שיסן אין אונזער דירעקציע! השי"ת האט אבער געהאלפן אז ממש בדרך נס האט זיין רעוואלווער זיך פארהאנקערט עטליכע מאל און אזוי זענען מיר ב"ה אנטלאפן פון דארט, גענצליך אומבאשעדיגט!

מיר האבן געשפירט באשיינפערליך אז מיר זענען גראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט, בלויז אין דעם זכות וואס איין מינוט בעפאר די מעשה האבן מיר געטון א פעולה פון זהירות אין שמירת עינים. אויך די אידישע פרוי איז ב"ה נישט באטראפן געווארן פון קיין פליענדע קויל, צוליב דעם וואס דער קאר האט זיך אפגעשטעלט דארט וואו מיר זענען געשטאנען, און נישט ביי דער אפיציעלער באס סטאנציע. אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו!



## ווען נישט די 'שא שא' ברענגט מען אים אהיים מיט אן ארון...

**הרה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א דערציילט:**

איך האב א קרוב משפחה, א חסידי'שער איד מיט'ן נאמען ר' שמעון, וואס צוליב זיין פרנסה איז ער א משגיח כשרות אין א רעסטוראנט אין ווארשא.

דארט אין די רעסטוראנט האט אויך געארבעט א גוי'טע אין די קיך. איין טאג האט זי באמערקט אז ר' שמעון זיצט אויף א בענקל אומבאוועגליך, האט זי געכאפט א גרויסן טאפ און געגעבן א ווארף נעבן אים, אבער ער האט גארנישט רעאגירט. מ'האט באלד גערופן 'הצלה', און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט געליטן פון א מאסיוון הארץ אטאקע ל"ע.

די הצלה האט אנגעהויבן ארבעטן אויף אים, אבער נאך א האלבע שעה האבן זיי אים צוגעדעקט זאגנדיג אז ס'איז נישטא וואס צו טון מער ה"י. די גוי'טע האט זיי אבער געבעטן אז זי ווייסט אז דער מענטש האט א שטוב מיט קינדער אין ארץ ישראל, און זיי זאלן דעריבער פרובירן נאכאמאל צו טון וואָס זיי קענען.

אזוי איז טאקע געווען. די הצלה האט נאכאמאל אָנגעהויבן ארבעטן און ב"ה אז די דופק איז צוריקגעקומען. מ'האט אים פון דארט גענומען צום שפיטאל אין ווארשא, און נאך עטליכע טעג, ווען דער מצב האט זיך סטאַבּיליזירט, איז העסקן ר' מיילעך פירער הי"ו אריינגעקומען אין בילד און מ'האט אים אריבערגעפירט צו דעם 'תל השומר' שפיטאל אין ארץ ישראל.

זייענדיג דא אין שפיטאל האט מיך ר' שמעון פארציילט וויאזוי זיין לעבן איז געראטעוועט געווארן:

די גוי'טע וואס ארבעט דארט אין די קאך, פלעגט צומאל אנהויבן צו זינגען אינמיטן די ארבעט, און די הלכה איז דאך אז 'קול באשה ערוה', דעריבער יעדעס מאל וואס דאס האט פּאַסירט, האט ר' שמעון אנגעהויבן שרייען: 'שא שא!'. מ'דארף קענען ר' שמעון צו פארשטיין בעסער מיט וואס

פארא שארפקייט ער האט געשריגן דעם 'שא שא'...

אבער יענעם טאג, האט די גוי'טע פלוצים באמערקט אז זי האט געזינגען און מ'הערט נישט דעם 'שא שא'. זעענדיג אז ר' שמעון זיצט דארט האט זי פארשטאנען אז עפעס איז נישט בסדר. האט זי געווארפן א טאפ נעבן אים, און אזוי האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז אין א מצב סכנה, און מ'האט אים געכאפט אין די לעצטע מינוט ב"ה.

ווען נישט זיין שטרענגע זהירות בעניני קדושה, וואלט ער שוין חלילה נישט געווען מיט אונז!

# געטראפן א ביליגע דירה

## הר"ר עזריאל ס. דערציילט:

איך האב זיך איין טאג באגעגנט מיט דעם גליון פון 'טהור עינים' אין בית המדרש, און כ'האב דארט געליינט ווי א איד פארציילט אז אז ער האט זיך מקבל געווען צו מאכן גדרים וסייגים אין שמירת עינים אויף פערציג טעג און ער האט געזען א ישועה.



האב איך מחליט געווען, אז מיינע עלטערן זוכן שוין גאר א לאנגע צייט א לייטישע דירה פאר א צוגעגליכע פרייז, און דערווייל אן קיין ערפאלג. דעריבער גיי איך זיך מקבל זיין א שטארקע שמירת עינים אויף פערציג טעג, אז ס'זאל זיין א זכות פאר א גוטע דירה.

ס'איז מיר נישט אנגעקומען לייכט, אבער ב"ה אז כ'בין אריבער די פערציג טעג מיט הצלחה, אַדאַנק די מאמרים פון די גליונות 'טהור עינים' וועלכע האבן מיר שטארק מחזק געווען צו קענען ממשיך זיין מיט הייליגע אויגן.

און דאס אומגלויבליכע האט ווירקליך פאסירט. ממש אינמיטן די פערציג טעג (!) האט א געוויסע ארגאניזאציע זיך פארבינדן מיט מיינע עלטערן און פארציילט איבער א דירה וואס ס'איז יעצט דא צו פארדינגען פאר א האלב פון דעם מארקעט פרייז. פארשטענדליך אז מיינע עלטערן האבן זיך צוגעכאפט צו דער מציאה און ב"ה אז זיי וואוינען שוין דארט מיט אן הרחבת הדעת, וואס דאס איז בלי ספק בזכות פון דער קבלה טובה בענין שמירת עינים!



# די פליגן אנטלופן

## איך וויל מיטטיילן א פלא'דיגע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט ביי מיר, וואס אלמלא ראיתי לא האמנתי:

איך האב געהאט געליינט אינעם גליון א מעשה פון א איד ביי וועמען זיין הויז איז אינוואדירט געווארן דורך אן אנשיקעניש פון פליגן, און נאכן פרובירן אלע סארט עצות און גארנישט האט געהאלפן, האט ער זיך מקבל געווען אן ערנסטע קבלה אינעם ענין פון שמירת עינים, און די גאנצע אנשיקעניש איז פלוצלונג פארשוואונדן געווארן ווי גלייך עס וואלט גארנישט געווען.

איך וועל זיין א מודה על האמת אז די מעשה האט זיך מיר געהערט צו פאנטאסטיש. אודאי בין איך נישט מסופק אז דער בורא כל עולמים איז א כל יכול און ער העלפט זיינע קינדערלעך וועלכע שטרענגען זיך אן צו זיין אפגעהיטן, אבער דאך האט מיין הארץ שווער מקבל געווען אז א מחנה פון פליגן זאלן פלוצלונג פארלאזן א הויז אן קיין שום השתדלות. דאס איז נישט קיין זאך וואס פאסירט געווענליך.

אבער ווי אן ענטפער צו מיינע מחשבות איז אויסגעקומען אז א קורצע צייט שפעטער בין איך איינגעשטאנען אין עפעס אן אכסניא וואו איך האב געדארפט איבערשלאפן, און אנקומענדיג דארט האב איך באגעגנט א מחנה פון פליגן וועלכע האבן נישט צוגעלאזט קיין מנוחה. וויפיל איך האב נאר געשפריצט און גע'הרג'עט פון זיי זענען אלס צוגעקומען מער און מער. איך בין געווען גענצליך פארלוירן און דערדרוקט.

פלוצלונג האב איך מיר דערמאנט פון די אויבנדערמאנטע מעשה און איך האב געקלערט; וואס קען שוין פאסירן? לאמיר אויך מאכן א קבלה אין שמירת עינים און אפשר וועט עס העלפן פאר מיר אויך.

געזאגט און געטון. איך האב מיך תיכף מקבל געווען א קבלה אויף אן ענין פון שמירת עינים, און ווי אומגלויבליך עס הערט זיך זענען אלע פליגן נעלם געווארן ביז אפאר רגעים, ממש כרגע יאבדו!

# אז מ'היט זיך פון אונטן היט מען פון אויבן

## הר"ר א.ב. פריעדמאן הי"ו פון ברוקלין דערציילט:

אינעם טאג ל"ד בעומר, בין איך בין געפארן מיט מיין קאר אויפ'ן וועג צו דער ארבעט אין ברוקלין. אנקומענדיג צו א קארנער וואו כ'האב זיך געדארפט איינדרייען האב איך באמערקט בעפאר אז אן אומאיידעלע ראי' גייט יעצט קראסן דארט. האב איך שנעל געקוקט אין שפיגל אויב ס'זענען דא קארס אונטער מיר, און זעענדיג אז איך שטער קיינעם נישט, האב איך געווארט רואיג ביז די ראי' זאל שוין נישט זיין פארנט פון מיינע אויגן און הערשט דאן האב איך זיך איינגעדרייט. דאס האט סך הכל גענומען עטליכע סעקונדעס.









ביי די נעקסטע אינטערסעקשאן, אביסל ווייטער אויף דער זעלבער גאס, איז געווען גרין פאר מיר. אבער פלוצלינג איז א גרויסע ווייסע ספרינטער געקומען צו פליען פון די אנדערע ריכטונג, ווען ס'איז געווען רויט פאר אים, און ער איז אזוי דורכגעפלויגן דעם ראוד.

דאס באדייט אז ווען איךווארט ווען נישט די איבריגע פאר סעקונדעס ביים פריערדיגן קארנער, וואלט איך אצינד געווען פארמישט אין אן ערנסטן עקסידענט ל"ע!

כ'האב ממש קלאר געשען די שמירה עליונה, וויאזוי איך בין געראטעוועט געווארן פון אן ערנסטע עגמת נפש, בלויז אדאנק שמירת עינים. ווייל אז מ'היט זיך פון אונטן, היט מען פון אויבן.

***פאלגענט שיק איך אייך מיט די בילדער פון מיין 'דעש קעמרא' ווי מען קען זען די מעשה זיך אויסשפילן:***




הלכות

# התרחקות מנשים

## וואס טרעפט זיך אין די ימי חנוכה

### להתרחק מהנשים מאוד מאוד

א. עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך[1]: "צריך אדם להתרחק מהנשים מאוד מאוד" - א מענטש דארף זיך דערווייטערן פון פרעמדע פרויען גאר, גאר שטארק. די פוסקים[2] מערקן אן אז כאטש וואס געוועהנליך שטייט נישט אין שלחן ערוך אזא לשון, "מאוד מאוד", דא אבער, ביי התרחקות פון עריות, שרייבט דער מחבר דעם זעלטענעם אויסדרוק, וויבאלד ס'איז דא אויף דעם זייער שטארקן יצר הרע, דעריבער דארף מען זיך דערווייטערן ביי דעם דאס מערסטע וואס איז שייך.

### קרובי משפחה, שוועגערינ'ס, קאזינס

ב. אלע הלכות פון התרחקות מנשים גייט אן אפילו ביי די אייגענע קרובים, ווי א שוועגערין, קאזין, אד"ג, וויבאלד על פי הלכה ווערן זיי פאררעכנט ווי פרעמדע נשים. די איינציגע קרובים וואס זענען אנדערש זענען א מאמע, א באבע, א שוועסטער,[3] א טאכטער, און אן אייניקל.[4]

ג. דער חיי אדם שרייבט[5] אויפ'ן ענין פון התרחקות ביי קרובים: "ס'זענען דא אסאך מענטשן וואס מיינען אז ווי נענטער מ'איז צו א פרוי, אלץ מער קען מען מקיל זיין אין די הלכות, ס'איז אבער ח"ו נישט אזוי; אדרבה, ווי נענטער מ'איז אלץ מער דארף מען זיך דערווייטערן פון איר, און כל שכן אויב איז מען היימיש מיט איר. און ס'איז א מצוה דאס מפרסם צו זיין פאר'ן המון עם.

### שחוק וקלות ראש, שפילן א געים

ד. חכמינו ז"ל האבן גע'אסר'ט פארשידענע זאכן אין כלל פון התרחקות מנשים. איינע פון די זאכן וואס ווערן אויסגערעכנט אין שלחן ערוך[6] איז "שחוק וקלות ראש", דאס מיינט אז מ'טאר נישט ארומלאכן אדער זיך אויפפירן לייכטזיניג אינאיינעם מיט א פרעמדע פרוי.

ה. שפילן א געים גייט אויך אריין אינעם כלל פון "שחוק וקלות ראש",[7] דעריבער טאר מען נישט שפילן ביי א חנוכה מסיבה מענער און פרויען אינאיינעם.

### זיך ווינקען צווישן זיך / שמייכלען / צייגן מיט די האנט

ו. נאך אז זאך וואס חז"ל האבן גע'אסר'ט איז "קריצה ורמיזה", דאס מיינט אז מ'טאר זיך נישט ווינקען מיט א פרעמדע פרוי אויף א וועג וואס דריקט אויס פריינטשאפט אויף סיי וועלכן אופן, ווי בלינקען מיט די אויגן, שמייכלען צווישן זיך, צייגן מיט דער האנט, אד"ג.[8]

### מאכן א מחיצה

ז. אויף א פלאץ וואו ס'קומען זיך צוזאם מערערע מענער מיט פרעמדע פרויען אינאיינעם, איז מען מחויב על פי הלכה צו לייגן א מחיצה וואס זאל אפטיילן צווישן זיי.[9]

### יעדע זאך וואס ברענגט צו א הרהור

ח. כאטש וואס אין חז"ל און אין שלחן ערוך ווערן אויסגערעכנט פארשידענע זאכן אלס התרחקות מנשים, שרייבן די פוסקים אז יעדער מענטש ווען ער ווייסט ביי זיך אויף א געוויסער זאך אז דאס קען אים ברענגען צו הרהורים, אדער צו נאנטקייט, איז ער מחויב זיך צו דערווייטערן דערפון, ווייל מ'קען נישט אויסרעכענען אלעס, דעריבער האבן חכמינו ז"ל אויסגערעכנט א חלק פון די הרחקות וואס מ'דארף מאכן, און אויסער דעם דארף יעדער וויסן ביי זיך וואס ס'ברענגט אים שלעכטע מחשבות און זיך דערווייטערן דערפון.[10]

1) שלחן ערוך אבה"ע (סי' כא ס"א).

2) בית שמואל (שם סק"א) "לפי שנפשו של אדם מחמדתן לכך כתב מאוד מאוד". וכ"כ ביפה לבב ח"ה שם.

3) מלבד חיו"נ שזה אסור גם באחותו, כמבואר בשו"ע (שם ס"ז), ודין קול באשה יבואר במקום אחר בס"ד.

4) שלחן ערוך אבה"ע (שם ס"ז), לבוש (אבה"ע שם). וז"ל ברכי יוסף מחזיק ברכה (או"ח סי' תר"ג סק"א), "כל אשה שהיא אסורה עליו אסור בה ככל הנשים, וחוץ מאחותו ואמו ובתו כולם שוות באיסור". וכ"כ בהגהות היעב"ץ (מגילה לא:): "מה שביטלו אנשי כנסת הגדולה יצרא דעריות במקצת, לא אהני אלא לקריתביה, דהיינו אמו ואחותו ובתו ודכוותיהו, דמשום קורבה דידיה, ואכתי איכא אשת איש, חמותו וכלתו ואחות אשתו דלא נתבטל היצה"ר".

5) חכמת אדם (כלל קכה ס"א): "לפי שראיתי ושמעתי מהרבה בני אדם שהם עם הארצים וחושבים שכל הקרוב יותר מותר וכו', כאילו היא אשתו, וחס ושלום, ומצוה לפרסם, דאדרבה כל הקרוב קרוב יותר צריך להתרחק וכו', ולכן צריך האדם ליזהר מאד ומכל שכן מאלו שלבו גס בהן", עכ"ל.

6) שלחן ערוך (שם): "ואסור לשחק עמה להקל ראשו כנגדה". ועיין בספר לבושה של תורה (פאלק, סימן עט אות ג-ד) שדן דהא לכאורה גם בלא נשים אסור שחוק וקלות ראש, כמבואר באבות (פ"ג מי"ג), ומאי שנה כאן. ותירץ דבנשים החמירו יותר שאפילו בסוגי שחוק וקלות ראש שבעלמא מותר, כגון שחוק מיעוט שאינו ממלא פיו שחוק, או קלות ראש מיעוט, כגון ששוכב על הסאפע וכדומה, בכל זה אסור כשהוא בפני הערוה.

מקור הדין הוא ממשנה דאבות (פ"ג מי"ג) "שחוק וקלות ראש מרגילין לערוה" (כן ציין בהגהות הגר"א), וכתב שם הרבינו יונה: "אבל כובד ראש ויראה הם סייג לעריות".

7) ערוך השלחן (אבה"ע סי' כב אות י"ח): "לפיכך ראוי לו לאדם לכוף יצרו בדבר זה ולהרגיל עצמו בקדושה יתירה ובמחשבה טהורה ובדעה נכונה כדי להינצל מהן. ויזהר מן היחוד שהוא הגורם הגדול, וכל שכן מהטיול עם הנשים ומלשחוק עמהם בקוביא". וכן מבואר בשיעורי שבט הלוי (יו"ד סי' קצה ס"ב), דלשחוק געי"ם הוא בכלל שחוק וקלות ראש.

8) שלחן ערוך (אבה"ע שם): "ואסור לקרוץ בידיו או ברגליו ולרמוז בעיניו לאחד מהעריות". ומה שכתבנו שגם שמייכלען בכלל קריצה, כ"כ בישראל קדושים (פרק בדיני התרחקות מנשים). וקריצה ורמיזה שהוא לצורך דבר מסיום ולא בדרך חיבה וקירבה, מצדד בשו"ת באר משה (ח"ד ס"ו אות ו) להיתר, וזה לשונו: "הא דאסור לקרוץ בידיו ורגליו ולרמוז בעיניו היינו אם עושה זה בדרך חיבה, אבל בלאו הכי אם מרמז לה לדבר חול סתם שלא בדרך אהבה, בודאי לא אסרי לכולי עלמא לא מדאורייתא ואפשר גם לא מדרבנן", עכ"ל ועיי"ש עוד. וכבר מצינו כזה בפירוש המשניות להרמב"ם (סנהדרין פרק ז') וז"ל: "והקריצה בעין במתכוין להנאת כל זה אסור וכו'", עכ"ל. הרי שאין האיסור אלא במתכוין להנאה.

9) גמרא קידושין פא., סוכה נא:, שלחן ערוך או"ח (סי' תקכ"ט ס"ד) "לא יתקבצו לאכול ולשתות אנשים ונשים ויבואו לידי עבירה, וכן יזהרו בדבר זה לכן העם כדי שלא יתערבו אנשים ונשים בבתיהם לשמחה". ועיין בשו"ת מקדש ישראל לחנוכה סי' ט' שהאריך לבאר כיצד יש להתנהג בדיני מחיצה אצל מסיבת חנוכה שהסבא עורך לכל משפחתו. וע"ע מזה בשו"ת דברי יואל סי' י', שו"ת שבט הלוי ח"א סי' כט וח"ח סי' רפא, ובמכתב המובא בספר מעשה איש ח"ד עמ' קכד.

10) ספר החינוך (מצוה קפח): "כלל הדבר הוא שלא יעשה שום דבר בעולם המביאו לידי הרהור בנשים, לא במעשה ולא בדיבור ולא שום רמז לקרב דעת האשה הקלה אל דעתו וכו'. ואין באפשר להגיד פרטי הענינים שידע האדם לעשות לקרב אליו דעת האשה שהוא קל, ולכן הזהירו ז"ל מהם קצת, ובשאר יזהר כל אחד ואחד לשמור עצמו לפי מה שימצא את גופו, כי ה' יראה ללבב", עכ"ל.

## ספעציעלע שמירת עינים בחורים פראגראם

### געווינערס

**פרשת האזינו**
הבה"ח **מורג בורשטיין** נ"ו
ישיבת דרך חיים נוף איילון - כרמיאל
זכות השבוע נתנדב ע"י
הר"ר **ישראל קרויס** הי"ו

**שבוע של חג הסוכות**
הבה"ח **אלימלך אייזנבאך** נ"ו
ישיבת פינסק קרלין - ביתר עילית
זכות השבוע נתנדב ע"י הר"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו • לרגל לידת בנו למז"ט

**פרשת בראשית**
הבה"ח **שמחה טייטלבוים** נ"ו
ישיבת קרטשניף שער אליעזר - רחובות
זכות השבוע נתנדב ע"י
**לעי"נ הרה"ק מריבניץ זי"ע**

## פרייליכע מעלדונג!

בס"ד האבן מיר געמאכט 100 גורלות אויפ'ן הערליכן באנד "תנה בני" פאר אלע בחורים וואס האבן מיטגעהאלטן דעם פראגראם, כאטש פאר איין וואך.

**מ'קען הערן די גליקליכע געווינערס אויפן האטליין**
**845.999.4114 און דריקט 8 - 4**
און פאלגט נאך די לאקאציעס פון וואו מ'וועט קענען אויפפיקן די מתנות

## ברכת מזל טוב

הר"ר **אהרן יודא ראזענטאל** הי"ו
עומד בראש פעולות הכבירות
בהפראגראם להבחורים במשך ימי הקיץ
לרגל **הולדת בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **קלמן אליעזר לעווי** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה במסירת נפלאה
לרגל **הולדת בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **חיים דוד קליין** הי"ו
מראשי המפעל "לב להאזין"
לרגל **הולדת בנו** למז"ט

**וכאן המקום להודות על מסירתו הנפלא בלב לנפש לזכות את הרבים בסדרת "שואל לדעת" בתוך גליונינו**

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

**845.999.4114**
נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1. נדבה ליין
2. איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3. ארויסצוהעלפן מיט די הפצה
4. אויפסיינען אויף אימעיל
9. מערכת אפטיילונג


7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק **077.401.6591**
כתובת המערכת בלשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

המערכת בענגליש: **732.532.2242**

המערכת בספאניש: **054.115.219.8810**

לכל עניני הגליון בענגלאנד, נא לפנות אל **07421307356**


אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות אין אייער ביהמ"ד/כולל/ישיבה א.ד.ג., רופט אריין **845.999.4114 #1-3**

## על הטוב יזכר

### זכות 2000 גליונות

הרה"ח ר' **אלטער משה יונגער** הי"ו
לרגל **הולדת בתו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **אברהם משה שניטצער** הי"ו
לרגל **הולדת בתו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **מרדכי גימפל וויינגארטען** הי"ו
לרגל **אירוסי בתו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **יצחק אליקים שווארטץ** הי"ו
לרגל **נישואי בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **יונה פאללאק** הי"ו
לרגל **הולדת בתו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **ארי'** ברח"י **הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל **נישואי בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **אליעזר וואלדמאן** הי"ו
לרגל **אירוסי בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **חיים מאיר טייטלבוים** הי"ו

~ ~ ~

הר"ר **אברהם בראך** הי"ו
לרגל **אירוסי בתו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **יעקב יוחנן איידליס** הי"ו
לרגל **הולדת בתו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **יחזקאל שרגא קויפמאן** הי"ו
לרגל **הולדת בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **יושע פריעדמאן** הי"ו
לרגל **הולדת בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו
לרגל **אירוסי בנו** למז"ט

### זכות מזכה

הר"ר **יצחק אהרן זילבער** הי"ו

~ ~ ~

הרה"ג ר' **אברהם שמחה גאטליב** שליט"א
לרגל **אירוסי בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **מרדכי יוסף הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל **הולדת בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **מרדכי אפרים שטעסל** הי"ו
לרגל **הולדת בתו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **חיים אביש לאקס** הי"ו
לרגל **אירוסי בנו** למז"ט

### בחורים פראגראם

הר"ר **זעליג פריעדמאן** הי"ו

~ ~ ~

הרה"ג ר' **יואל מאשקאוויטש** שליט"א

~ ~ ~

הר"ר **משה ראזענטהאל** הי"ו

~ ~ ~

הר"ר **מאיר יעקב שווארטץ** הי"ו

~ ~ ~

הר"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

### זכות עמוד בגליון

הר"ר **משה הערש בראך** הי"ו
לרגל **נישואי בתו** למז"ט

**זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינם שיזכו לראות רב נחת מיוצאי חלציהם ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.**

### זכות 1000 גליונות

הר"ר **יעקב דרעזדנער** הי"ו – לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **יואל יעקב מרדכי טייטלבוים** הי"ו – לרגל **נישואי בתו** למז"ט • הר"ר **שלום ברנ"מ ווייס** הי"ו – לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **יוסף צבי כ"ץ** הי"ו • הר"ר **אברהם שעהר** הי"ו – לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **יעקב שמעון פאלאטשעק** הי"ו - לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הרה"ח ר' **חיים בצלאל בלום** הי"ו • הר"ר **אהרן משה מרדכי פריעד** הי"ו • הר"ר **חיים אלעזר טעללער** שליט"א – לרגל **נישואי בנו** למז"ט • הר"ר **יונה פאללאק** הי"ו – לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **יואל צבי הירשפעלד** הי"ו – לרגל **נישואי בנו** למז"ט • הר"ר **דוד ראזענבוים** הי"ו – לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **משה מאיר טייטלבוים** הי"ו – לרגל **אירוסי בנו** למז"ט • הר"ר **חיים שטעסל** הי"ו – לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **חיים הערש שווארטץ** הי"ו – לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **ישעי' שבתי' בראך** הי"ו – לרגל **נישואי בנו** למז"ט • הרה"ג ר' **ארי' אשר אינדיג** שליט"א – לרגל **אירוסי בנו** למז"ט • הר"ר **בן ציון געלבשטיין** הי"ו – לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הרה"ג ר' **מאיר זאלדאן** שליט"א – לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **משה ישעי' סאמעט** הי"ו – לרגל נישואי בתו למז"ט • הר"ר **הנדבן החשוב** הי"ו – לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **ישראל הערצאג** הי"ו – לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **יעקב מענדל ראזענבערג** הי"ו – לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר שמואל **צבי ניימאן** הי"ו – לרגל הולדת בנו למז"ט • הרה"ג ר' **אברהם הערש זאלדאן** שליט"א – לרגל **נישואי בנו** למז"ט • הר"ר **הנדבן החשוב** הי"ו – לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **יחיאל משה שווארטץ** שליט"א – לרגל **אירוסי בנו** למז"ט • הר"ר **משה ווייס** הי"ו – לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו – לרגל **הולדת בתו** למז"ט ולע"נ אביו הר"ר שלמה זלמן בן הר"ר ברוך ע"ה • הר"ר **יואל שלום שאפפער** הי"ו – לרגל **נישואי בנו** למז"ט • הר"ר **יואל הערש פילאפף** שליט"א – לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **יואל ברוין** הי"ו – לרגל **אירוסי בנו** למז"ט • הר"ר **יעקב לייב פריעדמאן** הי"ו – לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **יואל בראז"י קאהן** הי"ו – לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **יוחנן הערצאג** שליט"א - לרגל אירוסי בנו למז"ט • הר"ר **מענדל גרשון טייטלבוים** הי"ו - לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **שלום צבי וויזענפעלד** הי"ו - לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **יוסף אשר גאטליעב** הי"ו - לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **הנדבן החשוב** הי"ו – לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר יעקב **מרדכי שווארץ** הי"ו - לזכות יעקב מרדכי יוסף בן חנה

## מזלא טבא

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **משה הערש בראך** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **עקיבא הערש קליין** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הולדת נכדתו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הרה"ח ר' **שמעון** ברי"ה **ווייס** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **דוד וואלף עקשטיין** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הכנסת בנו לעול התוה"מ ולרגל תגלחת בנו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הרה"ג ר' **חיים צבי אשכנזי** שליט"א
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הכנסת בנו לעול התוה"מ**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **אברהם מאיר איצקאוויטש** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל נישואי נכדו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **יואל כייעם** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל נישואי בנו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **יונה בוקסבוים** הי"ו
העומד לימינינו בהדפסת הספר "תנה בני" ברוב פאר והדר
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **יודא ארי' לאנדא** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **יואל** בר"י **מיטעלמאן** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל אירוסי בנו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **שלמה יעקב ניישאדט** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הכנסת בנו לעול התוה"מ**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל השמחה הכפולה בתוך ביתו בהולדת נכדו ונכדתו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **יחזקאל שרגא קויפמאן** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **יואל** ברמ"י **פאלקאוויטש** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הולדת נכדתו למז"ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **מאיר מקובצקי** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה בעיר אנטווערפן יצ"ו
**לרגל הולדת תאומות למז"ט**

בס"ד

שטענסטע
חנוכה
מתנה
פאר די
גאנצע
משפחה

# שמירת עינים
# אין געשמאק!

דער ספר
וועט אייך
אריינפירן,
אין א וועלט
פון לעבן
מיט שמירת
עינים, מיט א
געשמאק און
דערהויבנקייט!




דער
וואונדער
ספר

ספעציעלע סעיל:

**א באקס**
(14 ספרים)
**$196**

בלויז $14 א ספר!
$15 דעליווערט צום טיר.

צו באשטעלן:
**802.327.3592**

א רייכע אוצר פון
הונדערטער, הערליכע
מעשיות איף שמירת עינים

בלויז געקליבענע
מעשיות, געאייגנט
פאר יעדן עלטער

גאר פאסיג צו
דערציילן פאר די קינדער
ביים שבת טיש

געשריבן אויף א
זעלטן געשמאקע און
קלארע שפראך

טהור
עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

און
גרעסערע
מקורה
שטיבלעך

## צו באקומען
## אין אלע
## געשעפטן

צו באשטעלן מערערע ספרים רופט 802.327.3592

NUAH 845.513.0001